קאַפּיטעלעך יידיש

פון ד״ר הירשע־דוד קאַץ (אָקספאָרד אוניווערסיטעט)

זי איז אַ לערערין פון יידיש אין - עסטלאַנד

אמת, דער וועלטלעכער יידישער סביבה איז נישט געלונגען אויפצו־שטעלן קיין גרויסע מחנות יונגע מענטשן וואָס רעדן יידיש און ווילן לערנען מיט אַנדערע יידיש.

דערפאַר האָט זיך אָבער פּאַרט געמאַכט אַ שטיקעלע נס, דהיינו: אין גאָר פאַרשידנאַרטיקע ווינקעלעך פון דער גרויסער וועלט, טרעפט מען יוגנטלעכע וועלכע האָבן זיך בלב־ונפש גענומען צו - יידיש.

דאָס הייסט, אַז די שפּראַך און ליטע־ראַטור גופא האָבן אַ שיער־נישט כישופדיקן צוציאונגס־כח. און די ליטעראַטור איז דאָך דער שענסטער, אייביקסטער אויפטו פון דער וועלט־לעכער יידישער קולטור. אירע אוצרות זײַנען פעאיק אינספּירירן טאַלאַנטירטע יונגע מענטשן, זיי זאָלן זיך אויך אויסלערנען און צואייגענען די שפּראַך.

די־אָ יונגעלייט זײַנען נישט קיין אויסגעטראַכטע אַבסטראַקציע, זיי זײַנען אַ ממשותדיקער יש. בײַ יעדן פון זיי איז פאַראַן אַן אייגנאַרטיקער, אינטערעסאַנטער לעבנס־וועג. בדרך־כלל זײַנען דאָס יחידים וואָס נעמען און בויען אַרום זיך אַ חדר און אַ סביבה דאָרט וואו זיי לעבן. עלעהיי - שליחים וואָס קיינער האָט זיי אין ערגעץ נישט געשיקט...

דער היינטיקער קאַפּיטל איז געווידמעט דער מערקווירדיקער אַנאַ ווער־שיק, וועלכע האָט ערשט פאַרענדיקט מיט גרויס הצלחה אַ יאָר לימודים אין אָקספאָרד. ווער איז זי?

* * *

די 28־יאָריקע אַנאַ ווערשיק איז געבוירן געוואָרן אין לעבינגראַד. די עלטערן - ביידע לענינגראַדער, וויסנ־שאַפטסלייט - רעדן נאָר און בלויז רוסיש. נאָר וואָס, אַנאַ האָט קינדווייז געהערט יידיש פון דער באָבע סאָניע (שיינע) און פון דער באָבעס שוועסטער דאָרע. זיי ביידע האָבן געשטאַמט פון שקלאָוו.

אַנאַ'ן האָט בכלל נישט געצויגן, נישט צו דער רוסישער קולטור, און אויך נישט צו דער ניי־העברעאישער קולטור וואָס איז געוואָרן אַ הויפּט־ציל פון אַ סך סאָוועטישע יידן אין ברעזשניעווס צײַטן.

די משפּחה פלעגט אַרויספאָרן אויף וואַקאַציע אַלע זומער קיין עסטלאַנד (עסטאָניע) וואָס איז דאָך דעמאָלט געווען אַ סאָוועטישע רעפּובליק. זיי האָבן פאַרבראַכט אין נאַרוואַ־יעעסו, וואָס איז געווען אַ קור־אָרט נאָך פון די צאַרישע צײַטן. אַנאַ גיט איבער, אַז לענינגראַדער יידן פלעגן דאָרטן פאָרן אַ סך זיך אָפּצורוען.

שוין ווי אַ קליין מיידעלע האָט אַנאַ באַשלאָסן אַז: „עס איז דאָ אַן עסטיש לאַנד און פאָלק. ווען איך וועל ווערן עלטער, וועל איך זיך אויסלערנען עסטיש. צו עלף יאָר בין איך געפאָרן אין טאַלין. איך האָב געהאַט אַזאַ געפיל, אַז דאָס איז מײַן אָרט און מײַן לאַנד".

אַז אַנאַ ווערשיר איז געוואָרן 18 יאָר, איז זי אַוועקגעפאָרן שטודירן אין טאַרטו. די עלטערן זײַנען נישט געווען אין זיבעטן הימל. „וואָס איז דאָס, אַ בת־יחידה פאָרט אַוועק?" אַזוי האָבן זיי בײַ זיך געטראַכט, גיט זי איבער אין איר חנעוודיקן יידיש.

אויפן אוניווערסיטעט אין טאַרטו, וואו זי האָט שטודירט עסטישע פילאָ־לאָגיע, איז גראָדע געווען אַ באַוואוס־טער פּראָפעסאָר, אַ פענאָמענאַלער, אַ גרויסער שפּראַכן־קענער. געהייסן האָט ער פּאָול אַריסטע (1905 - 1990); ער איז באַקאַנט בײַ יידישע לינגוויסטן דער עיקר צוליב זײַנע רע־צענזיעס איבער די ווערק פון באַ־

אַנאַ ווערשיק

ליבטן ווילנער יידישן פילאָלאָג כאַצקל לעמכען, אים צו לאַנגע יאָר.

אַנאַ דערציילט:

„אַריסטע זעט גלייך אַז איך בין אַ יידישע און נעמט בײַ מיר פרעגן: 'ווי

(סוף אויף זײַט 20)

יידישע נעמען, יידישע ווערטער

פון מ. אָליצקי

אין דעם אינטערעסאַנטן אַרטיקל („900 יאָר יידישע נעמען") געדרוקט אין „פאָרווערטס" דעם 10טן מאַי, 1996, ווײַזט אָן ד״ר הירשע־דוד קאַץ, אַז:

„אין אַמעריקע ריכט מען זיך גאָר־נישט, אַז עלטערן זאָלן זיך דערוועגן אַ קינד געבן אַזאַ נאָמען ווי מאיר־איציק (אחוץ אין חסידישע קרייזן און בײַ אַ פיצינקער צאָל וועלטלעכע יידישיסטן). כמעט ווי פאַרשוואונדן געוואָרן שיער נישט אַלע נעמען, וואָס זײַנען ספּעצי־פיש־יידישע".

צוויי סיבות ברענגט דער מחבר:

„די אַמעריקאַנער אַסימילאַציע האָט זיך אָפּטמאַל צונויפגעגאָסן מיט דער העברעאיסטישער קעגנערשאַפט צו יידיש".

וועגן דער צווייטער סיבה איז נישטאָ וואָס מאַריך צו זײַן. די העב־רעאיסטישע פילאָזאָפיע וויל עס זאָלן פאַרגעסן, איגנאָרירט, אָפּגעווישט ווערן נישט נאָר יידישע נעמען, נאָר אויך יידיש אַליין און הונדערטער הונדערטער יאָרן יידיש לעבן, יידישע געשיכטע. אַ טראַכט טאָן דאַרף מען וועגן דעם טערמין „אַסימילאַציע". אין אונדזער דור איז דאָס פאַרשטאַנען געוואָרן ווי דאָס אַראָפּוואַרפן פון זיך אַלע יידישע מחשבות, עמאָציעס, מעשים און התחייבותן, צי דאָס ווערט געטאָן באַוואוסטזיניק צי נישט.

עס האָט געמיינט ווערן אָפּגעשניטן פון שטאַם און גיין פאַרלוירן, כאָטש אַסימילאַציע האָט שטענדיק געהאַט פאַרשידענע מדרגות.

אין זייער לאַנגער, העכער 350־יאָריקער געשיכטע, האָבן אַמעריקאַ־נער יידן נישט אָפּגעזונדערט זיך פון אַנדערע יידישע ישובים. פאַרקערט - זיי האָבן געהאָלפן זייערע ברידער אין בייזע און ביטערע צײַטן, אין צײַטן פון נגישות, פּאָגראָמען, איבערקערענישן און מלחמות. זיי טוען דאָס ביז היינ־טיקן טאָג. אַמעריקאַנער יידן האָבן קיין מאָל נישט פאַרלייקנט זייער אָפּשטאַם, זיך נישט געשעמט מיט אים. זיי האָבן זיך אַמעריקאַניזירט, אײַנגעגלידערט עקאָנאָמיש, פּאָליטיש, קולטורעל און שפּראַכלעך, דאָך געבליבן פאַרבונדן מיטן שורש. אַפילו אין די עקסטרעם אָפּגעפרעמדטע גרויסע שטאָטישע, רייכע געגנטן זײַנען בײַ זיי פאַרבליבן יידישע מנהגים, סימבאָלן, מאכלים, טעג פון יום־טוב, אויך ווערטער, זאָגענישן, וויצן, אַנעקדאָטן אין פשוטן יידיש. נישט ווייניק געהאָלפן דערצו האָבן קודם די יידיש־וועלטלעכע שולן פונעם אַרבעטער־רינג, שלום עליכם פאָלק־אינסטיטוט און פון דעם נאַציאָ־נאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. איך מיין אַז אויך די שולן פון דעם אַמאָליקן „לינקן אָרדן". עס איז געווען אַן אָנווייז אין אַלע שול־סיסטעמען צו רעגיסטרירן נייע תלמידים מיט זייערע יידישע נעמען. אין מײַנע העכער צוואַנציק יאָר לערערישער אַרבעט דערמאָן איך זיך נישט קיין איינציקע מאַמע, וואָס זאָל נישט וויסן דעם יידישן נאָמען פון איר קינד. אַפילו אַ מאַמע מיטן פאַמיליע־נאָמען דזשענעוויסי - די פרוי פון אַן איטאַליענער.

איך האָב דורכגעקוקט מײַן שול־אַרכיוו: רשימות פון קינדער, בריווע־לעך, פאָטאָגראַפיעס. איך האָב גע־לייענט די יידישע נעמען מיט נאָס־טאַלגיע און פרייד: יעטע, קלמן, איטע, הערשל, חנה, משה, בערל, יוסף, עלקע, ראָבע, ביילע, יהודית, נחמן, איציק, מרים־גיטל, פעסיע, פעשע, ריווע, שמואל, שמיעל, סימע, פריידל, יאַנקל, ישראל, נעכע, רייזל, לייבל, וואָלף־בער, זלאַטע, הערצל, חיים־ברוך, כאַסיע־ברײַנע, ברײַנדל.

אויך איינציקע פאַרענגלישטע און העברעאיזירטע ווי סוזען, דזשאַנעט, אילאַנאַ, שושנה. אויך אַ נאָמען קאַרל, פון אַ סאָציאַליסטישער היים.

וואָלטן איצט געווען יידיש־וועלט־לעכע שולן, וואָלטן לערער זיי ווידער געהערט.

פאַרשטייט זיך, אַז אין דער ענגלי־שער שול, אין גאַס, מיט חברים, אין שטוב האָט מען זי געהערט פאַר־ענגלישט, אָבער עס בלײַבט אַ פאַקט, אַז אַמעריקאַנער יידישע עלטערן ווייסן, געדענקען און זאָגן זיך נישט אָפּ פון געבן זייערע קינדער אַ יידישן נאָמען. נישט נאָר נעמען, מיר הערן אויך יידישע רייד נישט נאָר אין וויליאַמסבורג, ווי אַ סך מיינען, מיר הערן זיי אויך אין לאָנג־איילענד, ריווערדעיל, מערב־בראָנקס, ווייט־סטאָון, מאַנהעטן. אמת, נישט קיין לאַנגע רייד, נישט קיין דיסקוסיעס - איז דאָס פאָרט אַ באַזע פאַר דער צווייטער שפּראַך, יידיש, וואָס דאַרף אַרײַנגעפירט ווערן ווי אַ לימוד אין אַלע שולן פאַר יידישע קינדער.

משה קולבאַקס יידישע ווערטער „פייערלעך קליינע" טליען אין דעם גרויסן, שיינעם, דינאַמישן יידישן לעבן אין אַמעריקע. נישט פאַרלעשן נאָר אויפבלאָזן דאַרף מען זיי.

שרייבט י. מלאָטעק אין זשורנאַל „קולטור און לעבן" (יאַנואַר 1996):

„מיר מוזן ווייטער אָוועקשטעלן אויפן סדר־היום די פראַגע וועגן טאָג־שולן, וואָס איז אַמאָל געווען קאָנטראָ־ווערסאַל. אָבער היינט איז, דוכט זיך, נישט פאַראַן קיינער וואָס זאָל צווייפ־לען אין זייער וויכטיקייט פאַרן יידישן לעבן".

אַמעריקאַניזאַציע איז נישט אַסימי־לאַציע ווי זי איז געווען מיט דורות פריער אין אייראָפּע, וואָס האָט געריסן שטיקער פון יידישן פאָלק. מען דאַרף זיך פאַר איר נישט שרעקן. זי איז אָפן פאַר ממשיך זײַן באַזונדערע קולטורן פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. זי דאַרף נישט זײַן קיין סיבה פאַר פּאַסיווקייט, פאַר גאָרנישט טאָן.

עס וועלן אויפלעבן די יידישע נעמען, זאָלן נאָר קומען שולן מיט יידיש.

אזכרה נאָך די סאָוועטיש־יידישע שרייבער אָפּגעצייכנט אין ירושלים

אין יידיש־קלוב בײַם מרכז גוטניק אין ירושלים איז דורכגעפירט גע־וואָרן אַן אָוונט אין אָנדענק פונעם פּאָגראָם איבער דער יידישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד אין יאָר 1952. דער יוריסט עולה חדש יעקב וויד האָט אין זײַן רעדע באַוויזן, אַז די ליקווידאַציע פון דער יידישער קולטור איז געווען פאָרויס באַשטימט פון לענינס טעאָריע, אַז די יידן זענען נישט קיין נאַציע. לויט די יידן־פּראַגע האָט געהייסן בײַ די באָלשעוויקעס אונטערצוזאָגן די אַסימילאַציע. אין דעם איז באַשטאַנען דער גרונט־ווידערשפּרוך פון די באָלשעוויקעס מיטן סאָציאַליסטישן „בונד", וועל־כער האָט געפאָדערט נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע פאַר יידן.

די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטאָ־בער־רעוואָלוציע האָט זיך גלייך אָנ־געהויבן אַן אומברחמנותדיקער קאַמף קעגן די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַר־טייען, וואָס האָט פאָראויסגעזאָגט די פאַרניכטונג פונעם יידישן לעבן. אין די ערשטע 10 יאָר האָט די סאָוועטן־מאַכט בונדיסטן און ציוניסטן נישט נאָר פּראָפּאַגאַנדיסטיש, נאָר אויך זיי פיזיש ליקווידירט. מען האָט זיי פאַר־שיקט אין די גולאַג־לאַגערן פון סיביר אויף הונגער, קאַטאָרזשנע האַרעוואַ־

די טאָטאַלע ליקווידאַציע פון דער יידישער קולטור האָט זיך אָנגעהויבן נאָך סטאַלינ'ס אַנטוישונג; ווען מדינת ישראל האָט נישט געוואָלט ווערן אַ פּלאַצדאַרם פאַרן סאָוועטישן אימ־פּעריאַליזם אין נאָענטן מזרח. דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן פון הרגענען דעם 13טן יאַנואַר 1948 דעם אָנפירער פונעם יידישן אַנטי־פאַשיס־טישן קאָמיטעט שלמה מיכאָעלס. מען האָט געשלאָסן אַלע יידישע אינ־סטיטוציעס: שולן, טעאַטער, ביבליאָ־טעקן, קלובן, פאַרלאַגן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן צווישן יידישע קולטור־טוער: שרייבער, פּאָעטן, אַרטיסטן, געלערנטע, געזעלשאַפט־לעכע טוער.

דעם 12טן 1952 האָט מען צעשאָסן די קרוין פון דער יידישער קולטור אין רוסלאַנד, די סאַמע טאַלאַנט־פולסטע פאַרשטייער פונעם יידישן פאָלק: דוד בערגעלסאָן, דוד האָפ־שטיין, פּרץ מאַרקיש, לייב קוויטקאָ, איציק פעפער, סאָלאָמאָן לאָזאָווסקי, איריעל נוסינאָוו, עלי ספּיוואַק, בנימין זוסקין, שמואל פּערסאָוו.

אַפילו די משפּחות האָבן נישט גע־וואוסט וועגן דעם גורל פון זייערע אייגענע, ווײַל די קאַ־גע־בע האָט ממשיך געווען צו נעמען פאַר די שוין דערשאָסענע פּעקלער שפּייז און געלט.

די טראַגעדיע פונעם יאָר 1952 האָט געזאָלט זײַן דער אָנהויב פאַר דער פאַרניכטונג פונעם רוסישן אידנ־טום. אין סיביר האָט מען שוין גע־בויט לאַגערן פאַר יידן צו ווערן דאָרט פאַרשיקט, וועלכע די סאָ־וועטן־מאַכט און דער „פאָטער פון די פעלקער" האָט געוואָלט „ראַטעווען פונעם צאָרן פונעם רוסישן פאָלק", וואָס האָט שוין געדאַרפט אָנהויבן מאַכן פּאָגראָמען קעגן יידן.

די שחיטה פונעם 12טן אויגוסט, 1952, איז פאַראייביקט און פאַר־הייליקט געוואָרן פונעם יידישן פאָלק ווי אַנדערע טראַגעדיעס: תשעה־באָב, דער 19טער אַפּריל - דער אויפ־שטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

אין דער קינסטלערישער טייל פון דעם אָוונט איז אַרויסגעטראָטן דער באַוואוסטער אַרטיסט אַלעקסאַנדער קוצען מיט רעציטאַציעס פון ווערק פון דערשאָסענע שרייבער דוד האָפשטיין, פּרץ מאַרקיש, לייב קוויטקאָ און אַנדערע.

דער עולם האָט האַרציק געדאַנקט דער אָרגאַניזאַציע „מרכז גוטניק" בראש מיט איר גענעראַל־דירעקטאָר חיים גרינבערג, וועלכע העלפט דער ווידערויפלעבונג פון אונדזערע נאַציאָנאַלע געפילן.

אלי בײַדער, ירושלים

זי איז אַ לערערין פון יידיש אין — עסטלאַנד

פון דר. הירשע־דוד קאַץ

(סוף פון זייט 13)

אַזוי קומט אַ יידיש מיידל אויפן קורס פון עסטישער פילאָלאָגיע? איך בין געווען די איינציקע וואָס איז נישט געווען קיין עסט".

עס זיינען אַוועק עטלעכע סעקונדעס און דער קריסטלעכער פּראָפעסאָר האָט גענומען רעדן מיט דער יידישער סטודענטקע פון לענינגראַד אויף יידיש:

„איר רעדט אויף יידיש?" אַריסטע האָט זיך געהאַט אויסגעלערנט יידיש אין זיין יוגנט, פאַר דער מלחמה, סיי פון פילאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, סיי פון זיינע צאָלרייכע יידישע חברים. בעתן קריג האָט ער ביי זיך אין שטוב אויסבאַהאַלטן די ספרים פון שכנות־דיקן בית־מדרש.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך אַביסל איבערגעאַנדערשט אַנאַ'ס פּזמון. „מיין קולטור איז עסטיש און יידיש", זאָגט זי ביי היינטיקן טאָג. דעם יידיש־שפּראַכיקן קאָמפּאָנענט אין איר אידענטיטעט האָט זי צו פאַרדאַנקען דער שקלאָווער יידישער באָבע, און — דעם קריסטלעכן עסטישן פילאָלאָג.

צו צוואַנציק יאָר האָט זי חתונה געהאַט מיט יירגאָס קאָקלאַ, אַן עסט וועלכער איז אַ לערער פון העברעאיש. זיי האָבן אַ טעכטערל, נעמי, וואָס איז איצט פיר מיט אַ האַלב יאָר.

* * *

וועגן איין זאַך דאַרף מען קלאָר זיין. אַנאַ ווערשיקס אינטערעס צו יידיש איז נישט קיין סענטימענטאַל־קייט און נישט קיין „האָבי". זי האָט זיך אויסגעלערנט רעדן אַ פליסיקן, רייכן יידיש און איז שטאָלץ וואָס זי קען רעדן סיי ליטעראַריש און סיי אויפן שיער נישט פאַרגעסענעם דיאַלעקט פון די עסטישע יידן, וועמענס שפּראַך, ליטעראַטור און קולטור זי פאָרשט גרינטלעך אויס.

זי דערציילט, אַז פאַר דער מלחמה איז אין טאַרטו אַרויס „אונדזער וואָרט", אַ רוסיש, און דערנאָך אויף יידיש און העברעאיש. אין וואָלגאַ איז געווען אַ יידישע פאָלקסשול.

זי גיט צו, אַז פאַר דער מלחמה זיינען געווען אומגעפער פיר מיט אַ האַלב טויזנט יידן אין עסטלאַנד. טויזנט זיינען אומגעקומען. היינט זיינען דאָ אַ דריי טויזנט יידן, פון זיי אַן ערך טויזנט עסטישע יידן.

אַנאַ ווערשיק גיט זיך אָפּ אַ סך מיט די עלטערע יידן און פּרובירט זיי העלפן און דערמוטיקן. בשעת מעשה פאַרשרייבט זי זייער שפּראַך און פאָלקלאָר.

דאָס איז אָבער נישט מער ווי „איין זייט פון דער מטבע". זי וויל אויך פאַרזיכערן אַז די עסטן (און אויך אַסימילירטע יידישע יוגנטלעכע) זאָלן באַקאַנט ווערן מיט דער יידי־שער קולטור. אין 1993 האָט זי אַרויס־געלאָזן איר איבערזעצונג אויף עסטיש פון שלום־עליכמס „מאָריענבאַד". זי האָט אויך פאַרעפנטלעכט עטלעכע איבערזעצונגען פון דערציילונגען פון באַשעוויסן. לעצטנס האָט מען ביי איר באַשטעלט אַן איבערזעצונג פון אַנסקיס „דיבוק", וואָס וועט בקרוב אויפגעפירט ווערן אויף דער בינע.

זי האָט אַריינגעפירט אַ קורס א. נ. „אַריינפיר אין דער יידישער קולטור" אינעם טאַלינער „אינסטיטוט פאַר הומאַנישע שטודיעס", וואו עס האָבן זיך פאַרשריבן אַ 25 יונגע עסטן. זי זאָגט:

„איך גלייב אַז אין עסטלאַנד זיינען פאַראַן פּעאיקע מענטשן, וואָס ווילן לערנען יידיש. ס'וועט אם־ירצה־השם מעגלעך זיין צו לערנען יידיש ביי אונדז אין דעם טאַרטוער אוניווער־סיטעט. חוץ דעם, זיינען פאַראַן אַ סך ליטעראַרישע ווערק, וואָס מיר ווילט זיך, איבערזעצן זיי אויף עסטיש. איך קען זיך נישט באַקלאָגן, אַז ס'איז נישטאָ קיין אַרבעט". ☐

80 יאָר פון יידישן ישוב אין אורוגוויי

פון יצחק פשעטיצקי

(סוף פון זייט 12)

צו יידיש־שפּעריקייט. במילא ווערט מען פּאַסיוו און מען טוט יידיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אָן האַרץ, אָן נשמה — בלויז יוצא צו זיין.

היינט־צו־טאָג זענען טעטיק דריי יידישע חינוך־אַנשטאַלטן: 1) העברע־איש־אורוגווייער אינטעגראַלע שול; 2) יבנה; 3) אַריאַל־שול. יידיש־לשון ווערט נישט געלערנט אין קיין איינער פון אָט־די שולן. סך־הכל לערנען אין די דריי שולן קוים 22 פּראָצענט פון יידישע קינדער. די בודזשעטן פון די שולן זענען גרויסע; די דירעקטאָרן פון די שולן זענען ישראלים. אורוגוויי, פּונקט ווי לאַטיין־אַמעריקע בכלל, לעבט איבער אַ גרויסן עקאָנאָמישן קריזיס. אַ סך פון די יידישע עלטערן קענען נישט צאָלן דעם שכר לימוד; שיקט מען די קינדער אין די מלוכהשע שולן, וואו די בילדונג איז אומזיסט. די קהילה טוט אַלדאָס מעגלעכע צו שטיצן די יידישע שולן אין דער פאָרם פון סטיפּענדיעס פאַר שילער, וועלכע קענען נישט צאָלן דעם באַשטימטן שכר לימוד.

די פילצאָליקע יידישע צייטונגען און פּעריאָדישע אויסגאַבעס אויף יידיש עקזיסטירן נישט מער. עס גייט אַרויס אַ וואָכנבלאַט אויף שפּאַניש, וואָס הייסט: „סעמאַנאַריאָ העברעאָ", אַרויסגעגעבן און רעדאַגירט פונעם פּעאיקן זשורנאַליסט יוסף יעראָזאָלימסקי, וועלכער איז אויך דער דירעקטאָר פון דער יידישער ראַדיאָ־שעה „קול־ציון באורוגוויי", וואָס טראַנסמיטירט די יידישע אוידיציע שוין 40 יאָר, טאָג־טעגלעך, 2 שעה אַ טאָג. די ראַדיאָ־שעה שטייט אויף אַ הויכן קולטור־ניוואָ. אין יידישע היימען הערט מען דאָס יידישע און העברעאישע ליד, מען הערט קאָמענטאַרן און ידיעות, וואָס פאַרבינדן דעם יידישן ישוב מיט מדינת־ישראל און מיט דער יידישער וועלט.

ביי דער קהילה איז טעטיק אַ קולטור־קאָמיסיע, וואָס פירט אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט, ווי: כאָר, טעאַטער, טאַנץ־אַנסאַמבלען. זייער אַקטיוו איז די גרופּע „פריינד פון יידיש", וואָס איז אַ טייל פונעם קולטור־דעפּאַרטמענט. דער קלוב „פריינד פון יידיש" פאַרזאַמלט זיך יעדן מאָנטיק, וואו עס ווערן געפירט שמועסן און לעקציעס אויף ליטעראַרישע טעמעס; עס ווערן דערמאָנט און געפייערט יידישע ימים־טובים, מען זינגט יידישע לידער, מען לייענט און קאָמענטירט שאַפונגען פון יידישע שרייבער. דאָס אַלץ ווערט געפירט אויף יידיש און מען באַמיט זיך, אַז די מיטגלידער פון קלוב זאָלן אַקטיוו אָנטיילנעמען אין אַלע קאָמענטאַרן און שמועסן. אין די דאָזיקע מאָנטיק־צוזאַמענטרעפן פון „פריינד פו יידיש" באַטייליקן זיך אַרום 60 מענטשן. אונדזער חבר, דוד צוקער־מאַן, פירט אויך אַ קורס פון לערנען יידיש פאַר יוגנטלעכע פון דריטן דור. אויסער די וועכנטלעכע אַקטיווי־טעטן פון דער גרופּע „פריינד פון יידיש" פירט די גרופּע אויך אַדורך — אין משך פון יאָר — עטלעכע עפנט־לעכע אונטערנעמונגען ווי דאָס איז געווען דעם 1טן יוני, וואו מען האָט געפייערט דעם טאָג פון יידיש, אונ־טערן נאָמען „פרייד פון יידיש", אין דעם גרויסן קהילה־זאַל מיט אַ באַטייליקונג פון 400 מענטשן.

ס'ווערט הייסער...

פון יעקב גאָלדשטיין

(סוף פון זייט 5)

פון די הונדערטער קאַמפּעין־רעקלאַמעס, אויף וועלכעביידע קאַמפּעין־קאָמיטעטן האָבן ביז זייערע פּאַרטיי־קאָנווענשאַנס אויסגעגעבן אַרום 55 מיליאָן דאָלאַר. מען דערוואַרט, אַז ביז די וואַלן וועלן זיי אויסגעבן אויף די דאָזיקע אַנאָנסן נאָך אַרום 90 מיליאָן דאָלאַר. און די דאָזיקע ריזיקע סומעס געלט נעמען נישט אַריין די אויסגאַבן פון אַנדערע קוואַלן, ווי דער 35 מיליאָן אַנאָנסן־קאַמפּעין, וואָס די יוניאָן־באַוועגונג וועט אויסגעבן לטובת פּרעזידענט קלינטאָן; און אַן ענלעכע סומע וואָס די „קריסטלעכע קאָאַליציע" גיט אויס לטובת באָב דאָול'ן.

איז אפשר אַ וואונדער, וואָס דער דאָול־קאַמפּעין וואַרפט נאָך אַלץ אַרויס אַ גרויסן טייל פון זיין אָנגע־זאַמלטן געלט־אוצר אויף טעלעוויזיע־אַנאָנסן, ווי דער אַנטי־דראָג קאַמפּעין, וועלכער האָט ביז איצט נישט „אָנגעריסן". אויך די אַנדערע לאָזונגען, וואָס דאָול און קעמפּ האָבן ביז איצט אויספּרובירט, ווי דער 15־פּראָצענטיקער שטייער־שניט און דער „ליבעראַליזם"־סטראַשונעק, האָבן ביז איצט ווייניק געהאָלפן צו באַזייטיקן קלינטאָנ'ס גרויסע אויבערהאַנט אין פּאָפּולערקייט. איז דער ענטפער אויף דער פראַגע — אַ יידישלעכע פראַגע: וואָס דען קען ער טאָן, אַז אַלץ גייט מיט דער „פּוטער אַראָפּ"?

דעם לעצטן „קלאַפּ" האָט באָב דאָול געקראָגן דעם פאַרגאַנגענעם דאָנערשטיק, ווען דאָס „צענזוס ביוראָ" האָט איבערגעגעבן, אַז אין 1995, דעם צווייטן יאָר נאָכאַנאַנד, האָט דער איינקונפט פון דורכשניטלעכן אַמע־ריקאַנער איבערגעשטיגן די אינפלאַציע. אַפילו די 20 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, וועלכע האָבן דעם נידעריקסטן איינקונפט, האָט געהאַט אַ וואוקס אין זייערע לוינען מיט 5 פּראָצענט איבער דער אינפלאַציע; און די פאַמיליעס, אין וועלכע דער הויפּט־פאַרדינער איז אַ פרוי, האָבן געקראָגן פאַראַיאָרן אַ 4־און־אַ־האַלבן פּראָצענט וואוקס.

מער איינצלהייטן וועגן די דאָזיקע גוטע עקאָנאָמישע נייעס וועלן מיר ברענגען אויף אַן אַנדער פּלאַץ. דאָ ווילן מיר נאָר באַמערקן, אַז פּרעזי־דענט קלינטאָן האָט אויפגענומען דעם באַריכט פון „צענזוס ביוראָ" ווי אַ באַווייז, אַז זיין עקאָנאָמישע פּאָליטיק איז אַ ריכטיקע און דערפאַר האָט ער פאַרדינט אַ צווייטן פּרעזידענט־טערמין; און באָב דאָול האָט דערקלערט, אַז „די דאָזיקע קאַלטע עקאָנאָמישע סטאַטיסטיק האָט אַ קנאַפּן ווערט פאַר די זאָרגעוודיקע אַרבעטער".

נו, דאָס איז פּרעזידענטישע „פּאָלי־טיקס" און מיר וועלן נאָך אַ סך הערן פון דעם סאָרט ביזן 5טן נאָוועמבער, ספּעציעל אין די טעלעוויזיע־דעבאַטעס. מיר קענען זיך אָבער טרייסטן מיט דעם, אַז דאָס וועט זיך ענדיקן אין אַ קנאַפּן חודש אַרום... ☐



יידיש־היסטאָרישע ראָמאַנען אין דייטשלאַנד

פון יוסף פרידלענדער

(סוף פון זייט 10)

מיזירט מיט אַנטיסעמיטישע דייטשע שרייבער. זיי פלעגן אויך נעמען מוסטערן פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור (ספּעציעל פון אייזשען סו) און פון די ענגלישע ראָמאַניסטן ד'ישראעלי, אַגילאַר און דזשאָרדזש עליאָט.

די דריי ענגלישע שרייבער האָבן געשריבן אין גייסט פון ציוניזם און געזען אין ירושלים די לייזונג פון דער יידן־פראַגע. אָבער סיי לעהמאַן און סיי פיליפּסאָן האָבן געהאַלטן, אַז ציוניזם איז אַ מין עבודה זרה, וואָס וועט פאַרשטאַרקן דעם אַנטיסעמיטיזם און קאַליע מאַכן די יידישע געטריישאַפט צום דייטשן פאָטערלאַנד. זיי האָבן געשריבן, אַז אויב יידן ליידן פון אַנטיסעמיטיזם און זוכן אַ טעריטאָריע — קען מען עס פאַרשטיין. אָבער דאָס קומט נישט אין באַטראַכט פאַר די דייטשע יידן...

מיט די אַלע חסרונות פון די יידישע פּאָפּולערע ראָמאַנען — האָבן זיי אויפגעלעבט העלדן פון דער יידישער געשיכטע, געשאַפן מיטאָסן, געגעבן סימבאָלן, כדי צו אידענטיפיצירן זיך אַלס יידן, „און שאַפן אַ באַוואוסטזיין פון אַ יידישן וועזן". היינט זעט אויס אָט־די ליטעראַטור ווי אַ קינדער־ליטעראַטור. אָבער אין יענער צייט האָבן חכמים און געלערנטע געקוקט אויף איר אַנדערש.

איך געדענק מיין „חדר מתוקן" (מאָדערנער חדר) און דעם רבי, וואָס איז געווען אַ משכיל און אַ ציוניסט, נאָך דער ערשטער מלחמה האָט ער אונדז געגעבן לייענען די פּאָפּולערע ראָמאַנען אין העברעאיש, צוזאַמען מיט זיין מינדלעכן פּירוש אין יידיש. עד היום געדענק איך די באַגייס־טערונג פון די תלמידים און זייער אידענטיפיצירן זיך מיט די העלדן און מיט זייערע מעשים טובים און מסירות נפש פאַרן כלל ישראל. די ראָמאַנען, צוזאַמען מיט די העברעאישע „תרבות"־שולן און די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, האָבן אונדז געמאַכט פאַר נאַציאָנאַלע יידן, פאַר ציוניסטן. מער פון אַלע ראָמאַנען ליגט מיר נאָך אין די ביינער דער באַקאַנטער ספר פון „זכרונות בית דוד", איינס פון די בעסטע דער־ציילונגען וואָס האָט זיך געצויגן כמעט לענגאויס דער גאַנצער יידישער געשיכטע.

אַזוי אַרום איז ניצה בן־ארי גערעכט, ווען זי שרייבט, אַז אָט־די היסטאָרישע ראָמאַנען זענען געווען „אַ וויכטיקער כוח אין דעם וואוקס פון ציוניזם". גרויסע העברעאישע שרייבער און דענקער, ווי משה־לייב ליליענבלום, מ. ז. פייערבערג און יהל"ל (יהודה־לייב לעווין) האָבן באַשריבן די גרויסע השפּעה פון די ראָמאַנען אויף דער אויסשולונג פון זייערע נאַציאָנאַלע געפילן און אידייען.

אליעזר בן־יהודה האָט געשריבן, אַז ער איז געווען באַגייסטערט, נישט אַזוי פון די יידיש־דייטשע ראָמאַנען, ווי פון דזשאָרדזש עליאָטס ראָמאַן „דניאל דיראָנדאָ", און ער האָט אים געלייענט אין העברעאישער און רוסישער איבערזעצונג, און שפּעטער אין אָריגינאַל. ער האָט באַשלאָסן איבעררייסן זיינע מעדיצינישע שטודיעס אין פּאַריז און עולה זיין קיין ארץ ישראל, אַדאַנק אָט־דעם בוך.

אַזוי אַרום האָט די ליטעראַטור פון די דייטש־יידישע היסטאָרישע ראָמאַנען געהאָלפן, נישט אַזוי די דייטשע יידן, ווי זייערע ברידער אין אויסלאַנד. זיי האָבן גענומען ערנסט און געמיינט אויף אַן אמת דעם נאַיוון, סענטימענטאַלן שרייבן, וואָס האָט פאַרטיפט און פאַרשטאַרקט זייערע יידישע נאַציאָנאַלע געפילן. ☐